# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Ibergelebt Dem Talmid (Surviving The Student)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/8bd3m89g

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

**Author**
Malekh (Malach), Loti F. (Lotty F.)

**Publication Date**
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לאָטי פּ. מלאך

# איבערגעלעבט דעם תּלמיד...

(אַ קאַפּיטל פֿון אַ גרעסערער דערציילונג)

צי געדענקסטו, חבר לערער, די שול אויף ברוקלין עוועניו? דו דאַרפסט זי זיכער געדענקען. זי שטייט נאָך עד היום אַזוי שטיל און פֿאַרטראַכט — מיטן שינדל־דאַך אַראָפּגעצויגן איבערן גאַניק — ווי אַ היטל איבערן שטערן — און הילכט בלויז אָפּ אין די שפּעטע נאָכמיטאָג שעהען, ווען די קינדער קומען זיך דאָרט צונויף מיט זייער רעש און געפּילדער. נאָר זיי שרייען היינט אויס גאָר אַן אַנדער לשון און לערנען אַן אַנדער תּורה...

להיפּוך צו אונדזערע קינדער שרייען זיי אויס דרייסט און הויך זייער מעקסיקאַניש (לייען שפּאַניש) לשון. אונדזערע קינדער פּלעגן זיך שפּילן אין גאַס אויף ענגליש. אויך זיי זיינען שיינע קינדער. איינס שענער פֿונעם אַנדערן, מיט ברוינ־לעכע פּנימלעך און זיתים פּייכטע אויגן, וועלכע קוקן אויף דיר מיט אַ ביסעלע חשד. גאָר אַנדערע קינדער זיינען דאָס היינט, חבר לערער. דאָס איז דער נאָכוווקס — דער דריטער דור — פֿון די אַמאָליקע „זוט־סוטס, געדענקסט זיי? מיט מעסערלעך אין די קעשענעס, נישט דווקא אויף צו שניצן פּייפּלעך, דאָס איז נישט שלום עליכם „מעסערל״, נאָר לאַנגע שפּיציקע מעסערלעך, מיט וועלכע מען דאַרף זיך אַמאָל פֿאַרטיידיקן קעגן עלטערע ייִנגלעך, גרעסערע און שטאַרקערע פֿון די וואָס קומען זיך דאָ צונויף. ווייל אַזוי האָט זיך געביטן די געגנט; אַזוי האָט זיך געביטן די סביבה. ביי די קינדער איז עס אַ פּראַגע פֿון „סורוויוועל״, פֿון קיום הנפש.

די ייִדישע שול דיינע האָט זיך אַרויסגעצויגן אין דער „וואַלי״ (טאָל) — אַ געגנט. דערנאָך האָט זי זיך צוריקגעצויגן קיין לאָס אַנדזשעלעס. די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן און זי איז געוואָרן אַ צוויי־טאָגיקע מיטל־שול; דערנאָך איז זי געוואָרן אַ זונטיק־שול און האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ קלאַסצימער פֿון די רעגירונג־שולן — „פּאָבליק סקולס״. זי האָט זיך אַזוי לאַנג געצויגן ביז זי האָט זיך אין גאַנצן אַרויסגעצויגן פֿון ייִדישן לעבן...

* * * * *

צי געדענקסטו, אַז ביי דיר אין קלאַס האָט זיך געלערנט אַ הויך אויפגעשאָסן ייִנגל מיט אַן אומרואיקן קנאָפּ אויפן האַלדז. פּייוול האָט ער געהייסן, פּייוול באַלקין. ער האָט זיך תּמיד אַרומגעשפּילט מיט אַ פּילפּעדער אין די הענט און האָט קיין מאָל ניט געהאַט וווּ אַהינצוטאָן די לאַנגע פֿיס זיינע. נאָך אַ סימן וועל איך דיר אָנגעבן, אַז פּונקט דעמאָלט, ווען דו האָסט געלערנט אין דער ברוקלין שול איז ער געוואָרן בר־מצווה. אַ גרויסער בחור געוואָרן, פּייוול. זיין טאַטע, דער קאַמאַשן־שטעפּער, זיין מאַמע, די שיינע זינגערין בעטי, זיין עלטסטער ברודער, דזשעק, און זיין קליין שוועסטערל שירלי האָבן אים געמאַכט אַ בר־מצווה „פּאַרטי״ — אַ שמחה הייסט עס. און דו, ר׳ לערער, ביסט טאַקע געווען דער סאַמע ראש הגדול, האָסט געפּראַוועט די שמחה על התּורה ועל הלייט.

נו, דער תּלמיד דיינער איז געוואַקסן, געוואַקסן דין און הויך, ווי אַ באַנאַנעבוים אין זיין משפּחה שטאַם. און מיט אים צוזאַמען איז אויך געוואַקסן אַ שטיפער, אַ לאַכער, אַ קונדס, אַז ס׳איז נישט געווען אויסצוהאַלטן פֿון אים.

ווען די מלחמה האָט געפּלאַקערט אויף אַלע פֿראָנטן איז פּייוול אַוועק זיך פֿאַרשרייבן אין אַמעריקאַנער פֿלאָט. ער וועט פֿאַרטרייבן אַלע נאַציס און פֿאַשיסטן פֿון דער ערד און וועט גלייך אַהיימקומען; די מאַמע דאַרף וועגן דעם נישט וויינען. און זי האָט טאַקע נישט געוויינט. זי האָט צערטלעך געשמייכלט מיט אירע וואַרעמע אויגן צו איר קליינעם זון, וועלכער האָט זיך אַזוי שטאַרק געאיילט אויסצעוואַקסן...

דער אָפיציר פֿון דער „ביוואָי״ האָט אויסגעהערט פּייוולען מיט קאָפּ. ער האָט אים אָנגעטאָן אַ רונדיק ווייס היטעלע, האָט אים דערווייל אָפּגעשיקט צוריק אַ־

היים צו דער מאַמען. אָנגעזאָגט האָט ער
אים, אַז אַזוי גיך ווי זיינע אַקסלען וועלן
אויסוואַקסן צו דער און דער מאָס, זאָל
ער גלייך קומען צוגיין.

דער טאַטע האָט געאַרבעט איבערשעהן
און האָט אויסגעצאָלט דאָס שטיבל אויף
מאַלאַבאַר גאַס אין וועלכן די משפחה האָט
געוווינט. די מאַמע האָט געקעכלט די
קינדער און געזונגען פאַר „מלחמה רע־
ליף". דער עלטערער ברודער, דזשעק,
איז שוין לאַנג געווען אויפן פּאַסיפישן
פראָנט און האָט געשריבן פון דאָרטן זייער
ע'נסטע אָבער קורצע בריוועלעך: „מיר
האָבן אָפּגעשלאָגן אַן אַטאַקע, אַ סך „באַ־
דיס" זיינען געפאַלן. איך בין דערווייל
ניצול געוואָרן..." דאָס קליינע שוועסטערל
איז געגאַנגען אין שול און זיך געשפּילט
מיטן הינטל. און פּיוול? פּיוול האָט זיך
געמאָסטן צי ער וואַקסט...

* * * * *

ווען בריטישע מאַנדאַט־היטער זיינען
באַפאַלן יידישע שיפן מיט קוים פון גיהנם
אַרויסגעראַטעוועטע מעפּילים, פאַרשטעלט
זיי דעם וועג צו לאַנדן, האָט זיך אין
פּיוולס קינדערישע אויגן צעפלאַקערט
דאָס פייערל, וואָס האָט תמיד, אַן פּיוולס
וויסן, געטליעט אין זיי. ער האָט עפּעס
געהערט וועגן אַ הגנה; נאָר ווער, וואָס,
ווען, האָט ער נישט געוווּסט. בין איין
מאָל, נישט אין גאַנצן צופעליק, קומט ער
אַריין אין דרוקעריי „דאַון־טאַון" און אַ
פרעג געטאָן הויך אויפן קול: „דאָ געפינט
זיך די הגנה?" אַלע האָבן זיך איבערגע־
קוקט דערשראָקן. „וואָס פאַר אַ הגנה,
מיר האָבן קיין מאָל נישט געהערט וועגן
אַזאַ מין זאַך." מען האָט געפּרוּווט דאָס
בחורל משלח צו זיין. אין דעם מאָמענט
איז אַרויסגעקומען פון ערגעץ אַ טיר אַ
יונגערמאַנטשיק, נישט קיין סך עלטער
פון פּיוולען, און האָט אים אַ ווונק געטאָן
ער זאָל אים נאָכגיין. ער קומט אַריין אין
אַ צימער וווּ מען לייגט צונויף צייטונגען
און איינער זיצט ביי אַ טיש מיט הינקענ־
דיקע פיסלעך און באַקוקט פּיוולען פון
אויבן ביז אַראָפּ. ער גיט אַ שאָקל צו דעם
פריער דערמאָנטן יונגמאַנטשיק און זיי
גייען שוין אַריין אין אַ דריט צימער. צו
זיין גרויסער דערשטוינונג האָט ער דאָרטן
געטראָפן זיין עלטערן ברודער דזשעק,

וועלכער איז ערשט נישט לאַנג צוריק
אַהיימגעקומען פון אָקינאַוואַ און האָט
אפילו נאָך ניט באַוויזן אַראָפּצוּוואַרפן
די מיליטערישע מלבושים פון זיך און
איז נאָך געגאַנגען מיט אַ שטעקן.

ווי נאָר ער האָט דערזען פּיוולען איז
ער צום ערשטן מאָל זינט פּיוול געדענקט
אים, אַרויס פון די כלים.

„וואָס טוסטו דאָ, מר. פּיוול? — ער
האָט אים אָנגענומען ביים אויער, האָט
אים, אַזוי אָפּגעפּירט אַהיים און אים אַ
וואָרף געטאָן גלייך צו דער מאַמען אין
שויס אַריין.

נאַדיר, אַט האָסטו אים, דעם תכשיט
דיינעם, פרעג אים נאָר ווו ער איז געווען?

* * * * *

די מאַמע האָט געוויינט, דער טאַטע
האָט געבעטן, שוירלי איז געפאַלן די ברי־
דער אויפן האַלדז. אפילו דאָס הינטל, אַ
שטומע חיה, האָט דערפילט, אַז עפּעס
גייט דאָ אָן. האָט עס צונויפגענומען די
פיר קליינע הינטעלעך און זיך אָפּגערוקט
מיט זיין אין אַ זייט. פּיוול האָט אויפגע־
הויבן יעדעס הינטעלע באַזונדער, האָט
עס אויסגעקושט פונעם קעפּל ביזן עקל,
דערנאָך האָט ער אַרומגענומען די מאַמע.
פון איבער אירע אַקסלען האָט ער אַ קוק
געטאָן צום עלטערן ברודער דזשעק, דעם
וועטעראַן. יענער האָט ערנסט, שוין אָן
כעס, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און ביידע
זיינען צוגעגאַנגען צום פאָטער, וועלכער
איז געשטאַנען אַ הילפלאָזער ביים פענצ־
טער און האָט עקשנותדיק אַרויסגעקוקט
אין דרויסן, נישט געוואָלט ריידן צו זיי.

„גוד ביי, פּאָפּ, גיב אַכטונג אויף דער
מאַמען." און ביידע האָבן זיך אַרויסגע־
רוקט, ווי צוויי פאַרשולדיקטע פון דער
שטוב.

פּיוול האָט אַ קוק געטאָן אויף צוריק.
ער האָט געוואָלט אָנזאָגן שוירלין זי זאָל
ניט פאַרגעסן אָפּצושניידן דאָס גראָז און
צו באַוואַסערן דאָס גערטנדל.

„קאַט די לאָן", האָט ער צוריקגעשריגן.

דזשעקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אפשר
איז איצט דער מאָמענט דעם קליינעם
איבערצורעדן. ער האָט אַזוי גייענדיק,
פאַר זיך, אַ זאָג געטאָן:

„אפשר וואָלסטו געבליבן אין דער היים
אַכטונג צו געבן אויף דער שטוב? אויף

שוירלין קאָן מען זיך נישט פאַרלאָזן און דער טאַטע אַרבעט שווער. שאַ, ווייסטו וואָס? וואַרט צו ביז איך וועל דיר שרייבן, וועסטו דעמאָלט קומען. נאָך אַלעמען, מיר ווייסן דאָך אפילו נישט וווהין מיר פאָרן.״ אַ בליץ פון פיוולס אויגן איז געווען דער ענטפער. „סמאַרט עליק״ (חכם). ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? — האָבן פיוולס פלאַמיקע אויגן געשפּילט דעם עלטערן ברודער אין פּנים אַריין. — בלייב דו אין דער היים און איך וועל דיר שרייבן, וועסטו שפּעטער קומען צו פאָרן מיט דער „קווין מערי״...״ (ענגלישע לוקסוס שיף, קווין מערי).

ווי נאָר די ייִנגלעך זיינען אַרויס פון שטוב האָט זיך בעטי, די מאַמע, ביטער צעוויינט: „קוים באַוויזן צו זען דזשעקן אַהיימקומען אַ לעבעדיקן; אַז ס׳איז גאָר נישט דער זעלבער דזשעק. אַוועקגעפאָרן אַ ייִנגל, אַ קינד; אַהיים געקומען איז עס אַן אַלט געמיט. און איצט, באַ דיר אַזאַ מין חתונה...״ זי איז געזעסן אויף דער סאָפע מיט די פיס אונטער זיך און האָט געקלאָגט אויפן קול: „פיוול, דזשעק, גיט אַכטונג ווו איר גייט און וווהין איר פאָרט.״

דער טאַטע, באַלקין האָט געטרייסט: „זאָלן זיי גיין, די יונגען, ס׳וועט זיי גאָר נישט שאַטן!״ אַליין האָט ער געפילט אַז עס רייסט זיך אים עפּעס אָפּ אין האַרצן...

* * * * *

קיין סך צייט פון וועג צו שרייבן איז ניט געווען. די רייזע איז געווען אַ שווערע, אַן אונטערערדישע. אַראָפּ פון שיף איז מען אין מיטן ים, דווקא ניט ווייט פון דער אַראַבישער שטאָט יפו. דאָס איז געווען אויסגערעכנט כדי די ענגלישע זאָלן מיינען אַז דאָס גנבענען זיך אַראַבער. מען איז געגאַנגען ביז איבערן האַלדז אין וואַסער און קוים מיט די לעצטע כוחות באַוויזן צו ברענגען דאָס לעבן צום ברעג. ווען נישט דזשעק, דער אויסגעפּרוווטער וועטעראַן, וואָלט פיוול פאַרטראָגן געוואָרן פון די כוואַליעס, ווי אַ שפּענדל אויפן וואַסער.

דער אַזוי אויך הייסער נגב האָט געפלאַקערט. די רייען פון פלמ״ח זיינען שיטער געוואָרן. די ניי־אָנגעקומענע האָבן זיך גלייך געמוזט שטעלן אין דער מיט און אויספילן דאָס אָרט פון די געפאַלענע און פאַרוווּנדעטע.

פיוול געדענקט ניט ווי לאַנג די בראַנד האָט אַזוי אָנגעהאַלטן, ווי לאַנג ס׳האָט געדויערט ביז ס׳איז אַ ביסל שטילער געוואָרן אויפן פראָנט. ער מיט זיין תימנער חבר, זכריה, האָבן ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז זיי וועלן האַלטן דעם פראָנט, זיי וועלן ניט גיין אויף קיין שפּאַן צוריק. (מערקווירדיק, יענער האָט אויסגעזע ווי אַ דריטער, אַ ייִנגערער ברודער פון פיוולען).

„כן, זאת ארצנו״, האָט אים זיין דראָבנער חבר געפינקלט מיט זיינע ווייסע ציין אין די אויגן אַריין.

„שור״ (זיכער), האָט פיוול אויסגעצויגן. „מיר׳ן דאָ פלאַנצן „גרייפּס״ (וויינטרויבן). „לא גרייפּס״, האָט זיך אַ ריר געטאָן אַ זאַמדיק בערגל מיט אַ פּאָר ליכטיק בלויע אויגן, „אלא תפוחי זהב. כן תפוזים!״ די ייִנגלעך אין זאַמד האָבן זיך גלייך גענומען שפּאַרן, ווי אַזוי מען וועט דאָ אויסלייגן אַ קיבוץ.

שוין העט, העט ביי די שטילשטאַנד פאַרהאַנדלונגען, ווען דער מענטש האָט זיך גענומען אָפּטיילן פון דער ערד, ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרומוואַשן דעם ברודיקן שווייס און מיטן קאַרגן ביסל וואַסער קילן די ווונדן, האָט זיך פיוול ערשט אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער דינער הויך. ער האָט צו זיין גרויסער איבערראַשונג אויסגעפינען, אַז ער איז ליגנדיק דאָ אין זאַמד צוגעוואַקסן מיט אַ האַלבן אינטש. ער האָט זיך הילכיק און פריידיק, ווי אַמאָל אין דער ייִדישער שול, צעלאַכט: „זע, דזשעק, האָט ער גערופן זיין ברודער, וועלכער איז געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן און געהיט.

אַ שוואַרץ אויג אונטער אַ ווייסער אַבאַיע אויף יענער זייט פראָנט האָט אויך באַוווּנדערט פיוולען; ער האָט געצילט און געטראָפן. פיוולס קינדעריש געלעכטער האָט זיך איבערגעריסן, איז געבליבן הענגען אין דער אָנגעגליטער לופט. ער איז אומגעפאַלן פונקט אַזוי גלייך, ווי ער איז געשטאַנען. דאָס פייער אין זיינע טונקעלע אויגן האָט זיך ניט איבערגעריסן, בלויז אָפּגעשטעלט.

אַ צעקנייטשטע, ברודיק־ווייסע האַנט פון אַ „דזשעטלמאַן״ מיט פאַרנעפּלטע

אויגן האָט אַ קלאַפּ געטאָן דעם אַראַבער אויף דער פּלייצע: „וועל דאָן (גוט געטאָן) מיין פריינד.“

ס'איז געוואָרן אַ טומל, מער ווי געוויינלעך; צי איין חייל איז שוין דאָ געפאַלן? נאָר מחמת דעם וואָס ס'איז שוין געווען שטילשטאַנד און דערצו איז פּיווול געווען אַן אויסלענדישער וואָלונטיר. די אָרעמע פּלמ"ח חברה האָט זיך נעבעך דערפילט שולדיק, גלייך ווי זיי וואָלטן דאָס גורם געווען... די פעלד־סאַניטאַרן מיטן דאָקטאָר זיינען גלייך געווען אויפן פּלאַץ און... פעסטגעשטעלט.

דזשעק, וועלכער איז געקומען צולויפן פון זיין פאָרפּאָסטן האָט זיך אויך דאָס מאָל נישט פאַרלוירן. ווי אַן אויסגעפּרוווטער וועטעראַן האָט ער געוווסט, אַז אויך דאָס קאָן פּאַסירן, כאָטש ער האָט זיך כסדר באַמיט צו האַלטן דעם ברודער אין הינטער־גרונט, האָט ער אים נישט געקענט פאַרהיטן. ער האָט געכאַפּט אַ שטיק ווייסע ליוונט פון די סאַניטאַרן און האָט דערמיט איינגעהילט פּיוולס קאָפּ, ווי מען הילט איין אַ קינד. דערנאָך האָט ער אים צערטלעך גענומען אויף די הענט, אים איינגעטוליעט צו זיך און געקושט זיין נאָך וואַרעמען שטערן.

ס'איז געווען פאַרנאַכט. די זון האָט גענומען פּלייצן מיט כוואַליעס קאָלירן איבער דעם מדבר. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס ליוונט פון פּיוולס פּנים כדי אים נאָך איין מאָל צו זען. פּיוול איז „געשלאָפן“ אַ שווערן קינדערישן „שלאָף“ און דזשעק האָט אים געוועקט: „זע, פּיוול, דער מדבר איז רויט; נישט נאָר פון זונ־אונטערגאַנג, נאָר פון חרפּה. פון חרפּה, וואָס זיינע זאַמדן טרינקען אַזוי פיל אומשולדיק בלוט.. 'וואַסער!' שרייט דער מדבר, דו הערסט, פּיוול? 'וואַסער! און איך וועל בליען און געבן פּרוכט.' אָבער אַנשטאָט קיל, ריין וואַסער גיט מען אים וואַרעם, קלעפּעדיק בלוט. ווי דורשטיק ס'איז דער מדבר (הפסקה) אַזוי דורשטיק איז דער שונא.“ ער האָט צוריק איינגעהילט פּיוולען אין ווייסן ליוונט און אים אַזוי אין זיינע קורצע כאַקי הויזן אַראָפּגעלאָזט אויפן טראָגבעטל. אַליין האָט ער געכאַפּט ביידע ביקסן — זיינע און פּיוולס — און זיך צוריקגעשטעלט אויף זיין פּאָסטן.

די נאַכט האָט אַראָפּגעלאָזט אַ געדיכטן, גרויען נעפּל איבער דעם מדבר, איבער די איינזאַמע פאָרפּאָסטנס, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט אָנגעשפּיצטע חושים ביז צום פּלאַצן, אויף דער וואַך.

שטעל זיך אויף, טייערער חבר לערער, בויג אָן טיף דיין מלמדישן קאָפּ פאַרן אָנדענק פון דיין תלמיד, וועלכער האָט צו זיינע ניינצן יאָר געקראָגן אַ תיקון.

* * * * *

דזשעק האָט איצט געפילט, אַז נאָך דעם וואָס ס'האָט געטראָפן מיט פּיוולען מוז ער אַהיימפאָרן, איינבעמען און טרייסטן טאַטע־מאַמע. איבעריקנס, דערווייל איז שטילשטאַנד, אַז מען וועט דאַרפן וועט ער פאָרן צוריק. ער איז געווען מיד, זייער מיד. צוויי מלחמות אַדורכגעמאַכט, חדשים לאַנג זיך אויסגעוואַלגערט אין די זאַמדן. אויסגעשטאַנען די הייסטע חמסינען, האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן מיט דער שיף. ער וועט זיך אָפּרוען אויף דער שיף. אַ ביסל אָפּקיילן דאָס צעהיצטע געמיט...

גייט ער אַזוי, דזשעק, אין אַ פאַרכמורעטן פרימאָרגן מיט נאָך שווערער פאַרכמועטע געדאַנקען אַהין און צוריק אויפן דעק. שוין צום וויפלטן מאָל אַז עס קומט אים אַנטקעגן אַ ישראל מונדיר מיט אָפּצייכנס פון אַן אָפיציר. צי זאָל עס זיין ווייל ער אַליין טראָגט אויך אַ מיליטערישן צייכן „ציון“ אויף עברית? ער האָט אפילו ניט באַמערקט ווער עס שטעקט אין דעם מונדיר, און ס'איז אים ניט אָנגעגאַנגען אויך. ער האָט געטראַכט דערפון, וויאַזוי וועט ער עפענען די טיר און אַריינקומען אין שטוב? וואָס וועט ער זאָגן? פּלוצלינג גיט אים דער מודיר אַ שמייכל גלייך אין פּנים אַריין. דאָס האָט אים שוין פאַרדראָסן. „דיר איז גוט צו שמייכלען“, האָט ער געטראַכט. דער שמייכל איז אייגנטלעך געווען זייער אַן אומשולדיקער. ער האָט געמיינט צו זאָגן, דער שמייכל, „איך דאַנק דיר 'יענקי'“ וואָס דו ביסט געקומען אונדז אַרויסהעלפן אין אַזאַ גורלדיקער צייט.“

מיט אַמאָל האָט ער באַמערקט, אַז אין דעם מונדיר שטעקט גאָר אַ מיידל. האָט עס אים ערשט רעכט פאַרדראָסן. ער האָט זיך אָפּגעפּלאָגט צוויי און אַ האַלב יאָר אויפן פּאַסיפישן פראָנט, אין וויטן מזרח;

אויסגעטראָגן די גרעסטע געפאַרן. זיך אויסבאַהאַלטן אַ יאָר צייט אין „פאָקסהאָלס", פאַרוואונדעט געוואָרן און ווייטער געקעמפט און מער ווי צו דער מדרגה פון אַ „סטעף־סאַרדזשענט" האָט ער זיך נישט דערדינט. און דאָ גייט אַרום אויף אַ פּאָר פלינקע פיסלעך אַ מונדיר מיט אַ קליידל מיט שטרייפן פון אַ לוטענאַנט און אַ היטעלע שטיפעריש פאַררוקט אויף אַ זייט נאָר זיך ווי מיט אים צו רייצן. ער וועט איר ניט סאַלוטירן. ער האָט אין צה"ל אויך קיינעם ניט סאַלוטירט. ער איז ניט געקומען קיין ישראל סאַלוטירן! און דאָ אַוודאי ניט. ער האָט פון דעסטוועגן נאָך אַמאָל געכאַפּט אַ קוק כדי זיך צו איבערצייגן: יאָ, אַ מיידל. אַזאַ סאָרט מיידל האָט ער קיין מאָל ניט ליב געהאַט (כאָטש ער האָט זי אפילו רעכט ניט אָנגעקוקט). דאָס הייסט אַזוי אַ שטיף צו טאָן, אויף צו פאַרברענגען מהיכא תיתי, מען איז דאָך מער ניט ווי אַ מענטש. אָבער זאָל זי אים נישט דרייען קיין קאָפּ איצט און זיך נישט פּלאָנטערן פאַר זיינע פיס. זי האָט אויפגעכאַפּט זיין ביזן בליק און אים אַרויסגעגאַנגען פון וועג. זי האָט בלויז געכאַפּט אַזאַ „קוקעלע" אויף צוריק און אים אָפּגעבריט מיט אירע פייערדיקע אויגן: „זע נאָר, דעם אַמעריקאַנעם סנאָב".

שוין גלייך צום אָנבייסן האָט זי געביטן איר פּלאַץ ביים טיש און זיך אַוועקגעזעצט אַ מייל ווייט פון אים. — דאָס איז אַ פּיפּיק אָפיצירל, ווי קומט עס וואָס ער האָט זי גאָר פריער אין גאַנצן ניט באַמערקט? ער וועט זען וואָס ס'וועט זיין ביים אָונטמאָלצייט, צי וועט זי זיך צוריקזעצן ביים פריערדיקן טיש הינטער אים, צי ניט? ער וועט בכיוון אַריינקומען אין עס־זאַל אַ ביסל שפּעטער און זען פּאַרטיקערהייט. ער קומט אַריין, זי זיצט ערגעץ „עק וועלט". שאַ, דאַכט זיך ביים קאַפּיטאַנס טיש. איז ער שוין געוואָרן פאַראינטריגירט און, ווי נאָר דער קאַפּיטאַן האָט זיך העפלעך פאַרנויגט און זיך אָפּגעטראָגן, איז ער צוגעגאַנגען, האָט זיך אויך העפלעך פאַרנויגט און זי געפרעגט אין אַ צעבראָכענעם עברית: איר גייט אַראָפּ אין פּאַריז, צי פאָרט איר ביז לאָנדאָן?

„איך פאָר קיין אַמעריקע", האָט זי אים אין אַ פּערפעקטן ענגליש געענטפערט.

האָט ער זיך אַ גאַנצן אָונט געבראָכן דעם קאָפּ, נאָך וואָס פאָרט דאָס קיין אַמעריקע? נישט אַנדערש, אין אַ געהיימער מיסיע. אַז זי איז אַ סברה האָט ער דערקענט אָן איר הברה — אויסשפּראַך הייסט עס. נאָר אפילו אַלס אַ סברה איז זי אויך פון אַ „געמישטער ראַסע": אַ תימנער אָדער אַ מאַראָקאַנער. ער האָט געהערט אַז די מאַראָקאַנער האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכט אין דער מלחמת העצמאות, ספּעציעל אין אויסשפּיר דינסט. זיי קענען אַראַביש און פראַנצויזיש און פאַרשטייען זייער גוט ענגליש, נאָר מאַכן זיך נישט פאַרשטייענדיק. נאָר וואָס פאָרט פאַר אַ מיסיע קאָן מען אַזאַ „באַשעפעניש" אָנהענגען, האָט ער זוי איין מאָל אין אַ לייכטזיניקן שמועס (ער האָט שוין באַוויליקט צו שמועסן):

„איר פאָרט אויף וואַקאַציע, חופש, צי פאָרט איר איינהאַנדלען „פייגל" (עראָפּלאַנען)?"

„איך וועל איינהאַנדלען וואָס ס'וועט זיך לאָזן" — האָט זי אים שעלמיש געענטפערט. זי האָט מיט אים אָפּגעפלירטעוועט אַ האַלבע נאַכט און קיין פּיפּס ניט געטאָן וועגן וואָס זי פאָרט קיין אַמעריקע.

פאַרן אַראָפּגיין פון שיף האָט זי אויסגעטאָן דעם מונדיר און זיך אָנגעטאָן אַ קליידל.

אַ קליידל איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. מיט די אָפיצירישע שטרייפן וואָלט ער זי אַהיים צו דער מאַמען נישט פאַרבעטן. אין אַ קליידל, האָט ער באַמערקט, איז זי גאָר נישט אַזאַ מיאוסע...

* * * * *

„זע נאָר", האָבן אירע אויגן אויפגעלויכטן. „אייער הייזעלע זעט אויס פּונקט ווי ס'וואָלט געשטאַנען אין פּתח תקוה."

* * * * *

ס'האָט געדויערט אַ צוויי־דריי יאָר. מען איז געפאָרן אַהין און אַהער. מען האָט זיך געשריבן הייסע ליבעס־בריוו און אויפן טעלעפאָן זיך צעקריגט. ביז דזשעק האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשלאָסן, אַז ער קאָן ניט אויסהאַלטן פון אַזאַ קאַפּריזנעם „אָפיציר" און האָט אָפּגעהאַקט „פאָר גוד" אויף שטענדיק.

(דאָס ווייטערדיקע אין קומעדיקן קאַפּיטל)